NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12799

A MAYSE MIT A GALEKH...

Jacob Pat

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאט.

ענטראלע יודישע ביבליאטעק און פרעסע ארכיון

אן אלטע מעשה

צענטראלע ווידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

יעקב פאט

אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ גָלָח, אַ רָב און אַ שַׁמָש יִשְׂרָאֵל

אילוסטרירטע קינדער-ביבליאָטעק.

פאַרלאַג א. גיטלין

וואַרשע 1921

Druk. „UNIVERSAL" Nowolipki № 6.

אַ מעשה מיט אַ גלח, אַ רב און אַ שמש ישראל.

עס איז אַן אַלטער בלבול, וואָס יידישע שונאים האָבן אויסגעטראַכט, אַז צו אַלע פּסח טויטן די יידן אַ קריסטלאַך קינד און זיין בלוט קנעט מען אַריין אין די פּסחדיקע מצות. דעם דאָזיקן נאַרישן און אומגעלומפּערטן בלבול האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק אויסגעטראַכט ווילדע שונאים און פינסטערע גלחים, כדי אָנצערייצן דעם המון אויף די יידן און ברענגען אויף זיי צרות און אומגליקן.

דאָס איז אַן אַלטער, פינסטערער, בלוטיקער בילבול, צוליב וועלכן עס זיינען שוין אומגעקומען אַ סך ערלאַכע און אומשולדיקע יידן פון אַ סך דורות.

א.

אין טאָל פון טייך סאַן, אין אַן אַלט גאַליציאַניש שטעטל, האָבן זיך רואיק געלעבט יידן, זיך געעסקט מיט תבואה, מיט שיינקען, געהאַנדלט מיט געהילץ און זיך ניט געריכט אויף קיין שלעכטס. דיזאָזיקע שטעטל האָט געהערט צו אַן אַלטן פוילישן גראַף, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין ווייב און ניט קיין קינדער און געווען זייער אַ פרומער. דער גראַף האָט געוואוינט אין זיין הויף נאָענט צום שטעטל און ווייל ער איז שוין געווען אַלט, האָט ער זיך נאָר געחבֿרט מיט זיין איינציקן פריינד — מיטן פרומען גלח, וואָס איז געווען אַ שונא ישׂראל, האָט ליב געהאַט געלט און וויין, האָט זיך געריכט, אַז דער אַלטער קינדערלאָזער גראַף וועט אים מאַכן פאַרן יורש פון זיין הויף און זיין שטעטל.

אין שטעטל האָבן זיך די יידן אָנדערציילט מיאוסע מעשׂיות וועגן דעם גלח דעם רשע. די יידן, וואָס פלעגן אריינקומען צום פּריץ דעם גראַף אין הויף, פלעגן דערציילן, אַז אויב, חס־ושלום, די

שטעטל וועט אריינפאלן צום גלח אין די הענט, וועט זיין פינסטער און ביטער צו די יידן.

נאר מען קען דאך ניט וויסן וואס מארגן וועט זיין — קען זיין, אז דער גראף זאל לעבן הונדערט און צוואנציק יאר און דער גלח זאל אים גארניט ירשע־נען, עס קען דאך נאך זיין אנדערש אויך. טראכט מען דעריבער ניט וועגן דעם, וואס עס וועט זיין נאך דעם גראפס טויט.

מאכט זיך אבער א מעשה, אז דער גראף האט פון ערגעץ אראפגעבראכט צו זיך אין הויף ארייז א יונג קינד, א יונגן שייגעצל. מען האט דערציילט, אז דאס איז א קינד פון זיינער א קרובה, וואס איז פרי געשטארבן. אנדערע האבן ווידער געוואוסט צו זאגן, אז דאס איז גאר עפעס אייגנטלאך דעם גראפס אן אייגן קינד, נאר מען טאר ניט וועגן דעם ריידן. נאר ווי די מעשה איז, אבי דאס קינד איז אים גע־ווארן, ווי אן אויג אין קאפ, דער אלטער גראף האט זיך מיטן קינד געעסקט נאך בעסער, ווי אן אייגענער טאטע.

פארשטייט זיך, אז דאס האט פארדראסן דעם

פרומן און שלעכטן גַלָח, וואָס האָט זיך אַזוי געריכט אויף דעם גראַפס יְרוּשָה און דאָ איז גאָר אַראָפּגעקו-מען אַ נייער יוֹרֵש—אַ פרעמדער יינגל.

האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן מַחֲשָבוֹת און זוכן עֵצוֹת, ווי אַזוי צו פָּטוּר ווערן פון דעם דאָזיקן יינגל. ער האָט גערערט פאַרשטעלטערהייט שלעכטס אויפם אַ, האָט זיך דער פָּרִיץ גאָרניט איינגעהערט. האָט דער גַלָח אויפגעוויזן פון הייליקע סְפָרִים, אַז דער גראַף דאַרף ניט מאַכן פאַר אַן אייגן קינד דעם פרעמדן יינגל, האָט אים דער אַלטער פָּרִיץ ניט געפאָלגט — דער גראַף האָט שטאַרק ליב באַקומען דאָס קינד, וואָס ער האָט גענומען צו זיך פון דער גרויסער גאַ-ליציאַנער שטאָט...

האָט דער גלח אָנגעהויבן זוכן עֵצוֹת, ווי אַזוי צו פָּטוּר ווערן פון יונגן יינגל, פון דעם אומגעריכטן יוֹרֵש. האָט דער שלעכטער און פרומער גַלָח זיך צונויפגעחַבֶרט מיט עטלאַכע דינער פון גראַפס הויף, האָט ער צוזאַמען מיט זיי עֵצוֹת זיך געהאַלטן און געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי דער פרעמדער שייגעצל זאָל אים ניט שטיין אין וועג, ווײַל דער גראַף אין

דאָך שוין אַלט און זיינע טעג זיינען געציילטע.

און דאָס איז גראַדע איינגעפאַלן אין דער צייט פון אָנהייב ניסן, די צייט פון ערב־פּסח, ווען אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן צו וואַשן, שייערן און גליען, צו לופטערן די ספרים, זיך נייען אַ נייעם בגד און מאַכן אַ נייע סויבל־היטל, די צייט, ווען מען באַקט מצות אויף פּסח. דאָס איז גראַדע צונוץ געקומען דעם גלח.

ב.

עס איז געווען צוויי טעג פאַר פּסח. אין שטעטל איז יעדערער געווען, ווי דער שטייגער, פאַרנומען מיטן אַריינברענגען דעם יום־טוב. קיינער האָט זיך ניט געריכט אויף קיין בייז. ערשט דעם גראַפס משרתים מיט דעם גלח בראָש האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין שטעטל מיט אַ בהלה און געזוכט ביי די יידן אין די הייזער און אין די שטאַלן. גלייך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם גראַפס יינגל, דער יורש זיינער, איז נעלם געוואָרן און אין הויף דערציילט מען, אַז די יידן האָבן דאָס אים אַצונד ערב־

פֶּסַח פֿאַרנאַכט, אים געטויט און מיט זיין בלוט אויס־געקנאָטן די מַצוֹת.

איז געוואָרן אַן אֵימָה אין שטעטל צווישן די יידן. איין גאָט וויים, וואָס דער שלעכטער גַלָח, דער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, קען נאָך אויסטראַכטן.

און אָט זענען געקומען דער גַלָח מיט די מְשָׁרְתִים צום רָב אין הויף. זיי האָבן געהייסן אויפשליסן דעם שטאַל. דער רָב איז שוין אַן אַלטער געווען, אַ גרוי־ער און אַ בֶּן־שִׁבְעִים, איז אים שווער געווען אַליין צו גיין, איז מיטן שליסל געגאַנגען דער אַלטער שַמָש, ר׳ יִשְׂרָאֵל.

און דאָ איז געשען דער אומגליק. ארויפצו אין שטאַל, איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע האָט מען גע־פונען אַ טויט קערפּערל פון אַ יינגל. מען האָט דאָס קינד ארויסגענומען צו ליכט, אויף דרויסן — דאָס איז געווען דעם גראַפס יוֹרֵשׁ.

— דאָס האָט דער רָב געטויט דאָס קינד און זיין בלוט גענומען אריינצוקנעטן אין די מַצוֹת... — האָט דער גַלָח געזאָגט. ער האָט געזאָגט און ניט געשוויגן,

ער האָט גלייך אוועקגעפירט דעם אַלטן רָב צום גראַף אין הויף.

אין שטעטל איז געוואָרן חושך. מען האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָפּגעטאָגענע זאַך — נאָר ווי קומט דאָס טויטע קינד ביים רָב אין שטאַל? — אוודאי איז דאָ עפּעס דער גַלָח פאַרמישט, נאָר ווי אַזוי — האָט קיינער ניט געוואוסט. דער רָב איז דאָך געווען אינגאַנצן ריין און אומשולדיק, איז ער זיך געגאַנגען רואיק צום גראַף, מערניט פון אַלטקייט האָט ער זיך פּאַמעלאַך געשלעפּט און געהאַט עַגְמַת־נֶפֶש פון די ווידלעררייען פון גַלָח.

מען האָט דעם רב געבראַכט פאַר דעם גראַף, וועלכער איז גראַדע געווען אין גוטפריינטשאַפט פון שטענדיק מיטן אַלטן רָב. דער גראַף האָט זיך גאָר־ניט געגלויבט, אַז דער רָב זאָל אָפּטאָן אַזאַ רְצִיחָה, נאָר עס זיינען דאָך געווען אַלע סִימָנִים אויבנאויף — דאָס געטויטע קינד געפונען ביים רָב אין שטאַל...

— דו זאָלסט מיר אַזוי אָפּטאָן!.. — האָט דער גראַף געזאָגט צום רָב.

— גאָט איז מיט דיר, ליבער האַר... — האָט דער רב געענטפֿערט.

אָבער דער גלח האָט זיך אָפּגערופֿן:

— עס איז אַ ווינד צו ריידן מיט אַ רוצח פֿון אַ קריסטלאַך קינד...

און אַז דער גראַף האָט דערזען דאָס צעשטאָכן קינד אין דער בלוטיקער שמאַטע, אַז ער האָט גע-געהערט די צוריידענישן פֿון גלח, איז ער אַריין אין אַ כּעס און ער האָט געפּסקנט.

— דעם רב, דעם רוצח אויפֿהענגען אויף אַ בוים און מיט די יידן פֿון שטעטל זיך אָפּרעכענען.

און דאַמאָלסט האָט דער גראַף געקענט טאָן מיט די יידן פֿון זיין שטעטל, וואָס זיין האַרץ גלוסט, זיי משפּטן און ביי קיינעם ניט פֿרעגן.

אַז דער רב האָט געהערט דעם פּסק, האָט אים אַזוי ניט געאַרט פֿאַר זיין לעבן, ווי פֿאַר דעם כּבֿוד פֿון די יידן, מען זאָל אויסטראַכטן אַזאַ ווילדן און בלוטיקן בלבול. האָט ער זיך אָפּגערופֿן:

— אדוני גראַף, זיי חוקר ודורש, אפֿשר האָסטו אַ טעות אין פּסק...

און אז דער רַב האָט געזען, אז דער גראַף און דער גַלָח ווערן ניט ווייכער, האָט ער געבעטן, מען זאָל אים לאָזן לעבן נאָך איין טאָג, ווייל אין א טאָג אַרום ווערט אים גראַדע זיבעציק יאָר און ער וועט נאָך פאַר דעם טאָג ביז זיין טויט טאָן עטלאַכע מִצְוות.

האָט מען דאָס געטאָן דעם רַב צוליב, באופן, אז מאָרגן, אַקוראַט עֶרֶב־פֶּסַח, דאַרף ער אַליין קו־מען אין הויף אַריין און די מְשָׁרְתִים וועלן שוין מיט אים טאָן זיין רעכט.

און אין שטעטל איז אַ יְלָלָה, מען וויינט, מען פאַסט, מען בעט צו גאָט. עס איז א פינסטערער עֶרֶב־פסח.

ג.

ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג, איז אַוועק דער אַלטער שַמָש פון שול ר' יִשְׂרָאֵל צום גראַף אין הויף. ער האָט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט און מיט קיינעם קיין עֵצָה זיך ניט גע־האַלטן. קיין ווייב האָט דער אַלטער שַמָש ר' יִשְׂרָאֵל

ניט געהאַט, ווייל זי איז שוין מיט אייניקע יאָרן צו־ריק געשטאָרבן און זיינע קינדער זיינען שוין געווען אויסגעגעבענע, האָט ער געלאָזן זיין שטוב ליידיק־אַליין און ער איז אַוועק צום גראַף. ביי אים איז דאָס געווען אַ באַשלאָסענע זאַך.

ער איז געקומען אין הויף אַריין און געבעטן, מ׳זאָל אים פירן צום גראַף אין חדר אַריין — ער האָט צום גראַף אַ וויכטיקן ענין. דער גלח איז נאָך געווען פון פאַרטאָג וואַך און זיך געגרייט צום אויספירן דעם גזר פון גראַף איבער דעם רב. האָט מען ר׳ ישׂראלן געבראַכט פאַרן גראַף.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, סרול?...—האָט דער גראַף ביי אים געפרעגט.

און ער, ר׳ ישׂראל, האָט זיך גאַנץ רואיק און אָן שרעק געענטפערט:

— איך וויל אויסקויפן דעם רב...

— וואָס הייסט דאָס? — האָט דער גראַף ניט פאַרשטאַנען.

— ס׳הייסט, — האָט ר׳ ישׂראל געזאָגט — איך נעם אויף זיך דעם גזר, איך גיב זיך צו דער תּליה און

זאָל אונזער רַב דער צַדִיק און זָקֵן בלייבן לעבן און זאָל די יידן פון שטעטל ניט געטאָן ווערן קיין שלעכטס.

איז עס געווען לְכַתְּחִילָה ווייער מְשׁוּנֶהדיק אין די אויגן פון גראַף, נאָר אין דערזעלבער רֶגַע האָט זיך דער גַלָח אָפּגערופן צום גראַף:

— מִסְתָּמָא איז ער דער אֶמֶתער רוֹצֵחַ פון קינד... דאַרף מען אים אויפהענגען!...

ר׳ יִשְׂרָאֵל, אז ער האָט געהערט די שטילע רייד פון גַלָח, האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל:

— מיין ניט, אז עס איז ניטאָ קיין דִין און קיין דַיָן, דער אֶמֶת וועט נאָך אַרויפשווימען, ווי בוימל אויפן וואַסער...

האָט פאַרדראָסן דעם גַלָח, וואָס ר׳ יִשְׂרָאֵל האָט נאָך אַ הֲנָאָה ביים גראַף אין שטוב, און אַגַב האָט ער דאָך געוואָלט וואָס גיכער מאַכן אַ סוף צו זיין בלוטיקן עֵסֶק, האָט ער צוגערעדט דעם אַלטן גראַף און ער, דער גראַף, האָט געהייסן אויספירן די שטראָף איבער ר׳ יִשְׂרָאֵלן.

איז דער אַלטער שַׁמָשׁ אוועק צום טויט. פרום

און רואיק איז ער געשטאָרבן, ווי אַ הייליקער, אומ־
שולדיקער קָרְבָּן, אַוועק פון דער וועלט מיט זיין
גרויע באָרד, מיט זיינע ערלאַכע אויגן. ער האָט נאָר
פאַרן טויט באַוויזן צו זאָגן:

— שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ, ה׳ אֶחָד...

ד.

תֵּיכֶּף האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דעם אין שטעטל. פון גראַפס הויף איז מען געקומען דאָס אָנזאָגן און דערציילן, אַז דער גראַף איז דערשלאָגן און אומעטיק, וואָס מען האָט אומגעבראַכט דעם אַלטן סרולן, און אַז מער קיין בייז וועט שוין די יידן פון שטעטל ניט געטאָן ווערן.

די גאַנצע שטעטל האָט געריסן קְרִיעָה און זיך געוועצט אין טרויער. דער אַלטער זָקֵן דער רָב איז מַמָש צעגאַנגען אין טרערן. מען האָט געזען, אַז אין אים ענדיקט זיך די נְשָׁמָה. ער, דער רָב, האָט תֵּיכֶּף געזאָגט קַדִיש נאָך ר׳ יִשְׂרָאֵלן און מען האָט אים לאַנג געכוועט מינטערן פון חֲלָשׁוּת. דער רָב האָט גע־וויינט און גערעדט:

— ר׳ יִשְׂרָאֵל, ביסט אַוועק אַ קָרְבָּן... אַוועקגעגעבן דיין נְשָׁמָה פאַר מיינער... אַוועקגעגעבן דיין לעבן פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל... ביסט אַ קָדוש... ר׳ יִשְׂרָאֵל...

נאָר עס איז דאָך אַ דין, אַז עס קומט יום־טוב מוז מען אויפהערן צו וויינען, מוז מען אויפהערן צו טרויערן, מען טאָר נִיט פאַרשטערן קיין הייליקן יום־טוב.

און יענער נאַכט איז דאָך געווען די ערשטע נאַכט פון פֶּסַחדיקן סֵדֶר.

דער רָב האָט געפּראַוועט דעם סֵדֶר און זיין ווייסן קיטל, ווי דער שטייגער, האָט געזאָגט די הַגָּדָה, געטרונקען די כּוֹסוֹת, ווי אַן אַלטער און פרומער ייד, אַ רָב פון שטעטל. איז געקומען צו „שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ״, צום עפענען די טיר. ערשט ווי מען האָט נאָר געעפנט די טיר, איז אין שטוב אַריינגעקומען אַ אומבאַקאַנטער אַלטער גוי.

— גוט נ׳אָוונט...

— גוט נ׳אָוונט, גוט יאָר...

בעט דער רָב אים זיך זעצן און איז עפּעס אין אַ מאָרנעם אומגעווינלאַכן פַּחַד.

דערציילט דער אַלטער פּויער, אז ער איז אַ דינער ביי דעם גראַף אין הויף. ער ווייס דעם גאַנצן סוד מיטן געהרגעטן יורש. ער האָט דאָס אַלץ אַליין געזען, ווי דער גלח האָט דאָס געטאָן. ער, דער אַלטער פּויער, האָט אַליין מיט זיינע הענט ביינאַכט געטראָגן דאָס געטויטע קינד צום רב אין שטאָל אַריין, נאָר ווי ער האָט געזען, אַז מען האָט אויפגעהאַנגען דעם אַלטן סרול, קען ער ניט רוען און אַט איז ער געקומען פאַר דעם ״ראַבין״ דערציילן, און זאָל זיין, וואָס עס זאָל שוין זיין.

עס איז דאָך שוין אַפילו געווען אינמיטן נאַכט, נאָר דאָך האָט זיך אָפּגערופן דער רב:

— קום, לאָמיר גיין דאָס דערציילן דעם גראַף...

— איך האָב מורא... — האָט דער פּויער געזאָגט.

אָבער דער רב האָט אים צוגערעדט און זיי זיינען ביידע אַוועק צום גראַף אינמיטן דער נאַכט, אינמיטן סדר, געלאָזן אָפן די טיר, ווי מען לאָזט צו שפוך חמתך...

ה.

עס איז שוין געווען אפילו אינמיטן נאכט בשעת דער רב מיט דעם אלטן דינער זיינען געקומען אין הויף אריין, נאר דער גראף האט נאך ניט געשלאפן. עס האט אים ניט געלאזט רוען, וואס ער האט אומגעבראכט דעם אלטן סרול-קען דען דאס זיין, אז דער אלטער און ערלאכער סרול זאל זיין דער רוצח פון קינד?...

מען האט דעם רב און זיין ווייסן קיטל מיט דעם אלטן דינער צוגעלאזן צו דעם איבערגעשראקענעם גראף, וואס האט דאך ניט געקענט ווּסן, וואס טוט דער רב ביי אים אין אזא שפעטער שעה. האט דער רב דערציילט פאר דעם גראף, וואס דער דינער האט פאר אים דערציילט, און דער דינער האט געזאגט, אז ער קען נאך ביווייזן סימנים און ראיות: זאל מען גיין זוכן ביי דעם גלח אין שטוב, וועט מען נאך געפינען די פארבלוטיקטע ציכלאך, ער ווייס וואו זיי צו געפינען.

— איך האב ניט געקאנט שווייגן... — האט דער אלטער דינער געזאגט. האט זיך דאס דעם גראף

ניט געלאָזט גלויבן; זײַנען ווי אַלע דרײַ מיט נאָך דינער פון הויף אַוועק צום גבֿח אין דירה, וואָס איז געווען ניט ווייט פון דאָרטן. עס איז געוואָרן וואַך און צערודערט דער גאַנצער גראַפישער הויף אין יענער נאַכט. און שטעטל ביי די ייִדן האָט קיינער ניט געוואוסט פון קיין פּתרדקרים, מען האָט, ווי דער מנהג, פאַרענדיקט די הגדה און געזאָגט שיר־השירים. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט ביים גבֿח געפינען, וואָס מען האָט געזוכט, און ער האָט זיך פון גרויס שרעק אין אַלץ מודה געווען און געבעטן ביים גראַף, ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן.

האָט דער אַלטער רבֿ אויפגעהויבן זײַנע אויגן און גרויע באָרד און אַרײַנגעקוקט אין געזיכט פון אַלטן גראַף. דער רבֿ האָט קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר עס איז געווען אין זײַן בליק אַזויפיל פאָדערונג פון גערעכטיקייט און תביעה: גראַף, עס שרייט פון דערערד די בלוט פון אַלטן, אומשולדיקן קרבן ר' ישׂראלס... דער גראַף, וועלכער איז אין פּלוג ניט געווען קיין צורר־ישׂראל, נאָר דער גבֿח האָט אים פאַרנאַרט, האָט זיך אָפּגערופן צום רבֿ:

— דעם מִשְׁפָּט מיט דעם גַלָח וועל איך ער־לאַך מאַכן, דעם גוף פון סרולן ברענגט צו קְבוּרָה אויף מיין חֶשְׁבּוֹן, און איך לאָז אויסבויען אויף מיין געלט אַ שול פאַר די יידן אין שטעטל...

נאָך אין דעמזעלביקן פאַרטאָג האָט מען זיך אין אַלע הייזער פון שטעטל דערוואוסט פון דער גאַנצער מַעֲשֶׂה. מען האָט שוין אפילו נאָכדעם דערציילט, אז דעם אַלטן דינער האָט מען שפּעטער ניט געפונען, ער איז נֶעֱלַם געוואָרן און קיינער ווייס ניט, וואו און ווי אזוי. עס איז געווען אַ געדאַנק, אז דאָס איז גאָר געווען ניט קיין געוויינלאַכער פויער...

נאָר צו דער זאַך האָט דאָס ניט.

צו דער לְוָיָה פון ר' יִשְׂרָאֵל דעם קָדוש, דעם אומשולדיק און הייליק אומגעקומענעם, איז מען אָנגעקומען פון דער גאַנצער סְבִיבָה. דער רָב איז געגאַנגען נאָך דער מִטָה. איינגעטונקט אין טרערן. ביי דעם קֶבֶר האָט דער רָב געזאָגט נאָך אים קַדִיש, און נאָכן קַדִיש האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אַשְׁרֶיךָ, יִשְׂרָאֵל, וואויל צו דיר, יִשְׂרָאֵל, וואָס די האָס דעם גליק געהאַט אומצוקומען אומשולדיק

פאַר דער גאַנצער שטאָט!... אַשְׁרֶיךָ, יִשְׂרָאֵל!...

און אַז מען האָט געבעטן דעם רָב, ער זאָל זיך באַרואיקן, אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס איז זיין צַעַר גרעסער פאַר אַלעמענס, האָט דער רָב געענטפערט:

— איך זאָרג זיך פאַרוואָס איך האָב ניט געהאַט דעם זְכוּת אומצוקומען פאַרן כְּלָל, ווי עס האָט געהאַט רַב יִשְׂרָאֵל...

ו. —

אין שטעטל זיינען געבליבן אין אַ צייט אַרום צום זֵכֶר פון דער געשיכטע צוויי זאַכן. די ערשטע זאַך איז — אַ גרויסע שטיינערנע מַצֵבָה אויף דעם קֶבֶר פון ר׳ ישׂראל, אויף וועלכער עס זיינען אויסגעקריצט די ווערטער פון אַלטן רָב: „אַשְׁרֶיךָ, יִשְׂרָאֵל״, וואויל צו דיר יִשְׂרָאֵל; די צווייטע זאַך איז — אַ ווייסע גרויסע שול, וואָס דער גראַף האָט געלאָזט אויסבויען כְּדֵי אויסצוקויפן די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען.

גאַליציע, אָדר 1924.

[illegible]

פארלאג א. גיטלין, ווארשע

נאלעווקי, קראמי־נאלעווקאווסקע 1

Księgarnia i Wydawnictwo

E. GITLINA, WARSZAWA

Nalewki, Kramy Nalewkowskie 1.